בס"ד. שיחת יו"ד כסלו, אור ליום ועש"ק פ' ויצא ה'תשל"ז.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה פדה בשלום נפשי וגו'.

ב. מ'האט דאך גערעדט אין מאמר [וואס דאס איז דאך א מאמר פון בעל הגאולה - דער מיטעלער רבי, און נקודות פון דעם מאמר זיינען דא אויך אין תו"א (כג, א) פון דעם אלטן רבי'ן (וואס דאס זיינען דאך די ימים שבין גאולה לגאולה - די גאולה פון דעם מיטעלן רבי'ן ביו"ד כסלו, און די גאולה פון דעם אלטן רבי'ן בי"ט כסלו)] וועגן דעם גודל ההפלאה וואס איז דא אין דעם ענין פון "צאן" -

וואס עפי"ז ווערט פארענטפערט די שטורעמדיקע קושיא צוליב וואס דערציילט מען אונז וועגן עבודת יעקב מיט צאן:

וויבאלד אז מעשה אבות סימן לבנים (ראה אוה"ת לך ע' 144. ב"ר פ"מ, ו), וואס דערפאר דערציילט מען דאך אונז כו"כ ענינים וואס האבן געטראפן מיט די אבות [אע"פ אז ס'איז דא א כלל אין תורה אז מאי דהוה הוה (יומא ה, ב)] - דערפאר וואס דאס איז א סימן לבנים ווי אזוי זיי זאלן זיך פירן, ווי מ'לערנט אראפ כמה פרטים פון דעם ענין הכנסת אורחים און עשית צדקה והסד וואס איז געווען ביי אברהם, ועד"ז לערנט מען אראפ כו"כ ענינים פון עבודת יצחק און יעקב;

דארף מען דאך לפי"ז האבן א ביאור נוסף, צוליב וואס דערציילט מען אונז ווי אזוי יעקב האט זיך עוסק געווען מיט צאן לבן, און מ'דער-ציילט מיט אן אריכות רבה וגדולה אלע פרטים שבדבר, אז ס'איז געווען "עקודים נקודים וברודים" (ויצא לא, יב), און "נקוד וטלוא" (שם ל, לב) - וואס איז אין דערויף דער סימן לבנים?

דאס וואס מ'דערציילט וועגן דעם ענין המקלות - איז דאך מבואר אין זהר (ח"א קסא, ב ואילך) אז עבודת יעקב מיט די מקלות איז געווען א סימן ודוגמא צו דעם ענין התפילין (אז ער האט אויפגעטאן דעם ענין פון תפילין ע"י המקלות שלו), און דאס האט געגעבן דעם כח אז דערנאך זאל ביי אידן אויפגעטאן ווערן די מצוה פון תפילין;

אבער דאס וואס מ'דערציילט וועגן דעם ענין פון צאן - איז לכאו' ניט פארשטאנדיק, צוליב וואס דארף מען האבן דעם אריכות הביאור אז עבודת יעקב איז געווען פארבונדן מיט צאן לבן, און אז ער האט אין דערויף מצליח געווען, ביז אז ס'איז געווען "צאן רבות" (ויצא שם מג), ביז אז ס'איז געווען "ויפרוץ האיש מאד מאד" (שם) - צווי מאל "מאד" - וואס איז אין דערויף דער סימן לבנים?

ג. און עד כדי כך איז נוגע דער ענין אז עבודת יעקב איז געווען פארבונדן מיט צאן, ביז אז מ'זעט אין די פרשה שלאח"ז, אז בשעת ס'איז געווען "וישלח יעקב מלאכים אל עשו אחיו",

[וואס דער ענין וואס יעקב האט געשיקט שלוחים צו עשו, איז דאך געווען כדי צו זען צי ער קען שוין גיין צוזאמען מיט עשו'ן צו די גאולה האמיתית והשלימה, און ער האט געזען אז עשו איז נאך ניט מוכן דערצו (תו"א כד, ב ואילך),

און ווי רש"י ברענגט אראפ בפירושו עה"ת (וואס דערפון איז פאר-שטאנדיק אז דאס איז פשוטו של מקרא), אז יעקב האט גערעכנט אז עשו איז "אחיו", און די מלאכים זיינען געקומען צוגיין מיט דער ידיעה אז "הוא

- נוהג -

נ-והג עמך כעשו הרשע עודנו בשנאתו" (פירש"י וישלח לב, ז), והראי׳ אז ער גייט מיט "ארבע מאות איש"],

האט זיי יעקב געהייסן זיי זאלן זאגן עשו׳ן "ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה" (שם ו).

- די התחלה וואס יעקב האט אים דערציילט, איז דער ענין פון "עם לבן גרתי" (שם ה) - "ותרי"ג מצוות שמרתי" (פירש"י), וואס אין דערויף איז דאך דא א הוראה און א סימן לבנים, אז בשעת מ׳דארף האבן צו טאן מיט אן עשו, א גוי כפשוטו, איז דער סדר בזה ניט ער זאל באהאלטן און וועלן אז מ׳זאל ניט קענען דערקענען אז תרי"ג מצוות שמרתי, און דורך דערויף וועט ער נושא חן זיין ביים גוי - נאר דער סדר איז פונקט להיפך:

בשעת מ׳וויל אויספירן עפעס אן ענין ביי עשו׳ן, ביז אז ס׳זאל זיין אפי׳ "וישקהו" - איז די ערשטע זאך דארף ער אים דערציילן "עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי", ד.ה. אז "תרי"ג מצוות שמרתי" ניט דערפאר וואס ס׳איז געווען א לייכטע זאך, און ער האט ניט געהאט דערביי קיינע נסיונות, און מ׳האט אים נאך צוגעצאלט דערפאר - נאר אדרבה, ער האט מקיים געווען תרי"ג מצוות זייענדיק ביי לבן,

וואס עשו האט דאך געוואוסט דעם יחס פון לבן צו יעקב, כמבואר בארוכה אין מדרש (ספר הישר ס"פ ויצא) אז עשו און לבן זיינען געשטאנען אין א קשר צווישן זיך - דורך די שלוחים וואס לבן האט געשיקט עשו׳ן - צוליב דעם ענין פון "ארמי אובד אבי",

זאגט אבער יעקב צו עשו׳ן, און דאס איז ההחלת הדיבור פון יעקב׳ן - אז זייענדיק אין א מעמד ומצב של גירות, און א גר ביי לבן הארמי, איז "תרי"ג מצוות שמרתי".

וואס דאס איז דער סימן לבנים ביז בימינו אלה, אז בשעת מ׳דארף האבן צוטאן מיט גוי׳שקייט, ביז אפי׳ מיט א גוי כפשוטו, איז דער סדר ניט ער זאל וועלן להדמות להם ח"ו, און אפי׳ ניט שעמען זיך און אפי׳ ניט באהאלטן די ענינים פון אידישקייט - נאר אין אן אופן פון אל יבוש מפני המלעיגים, און מכריז זיין גלייך בהתחלת הדיבור, אז "תרי"ג מצוות שמרתי", וואס דאס איז געווען התחלת הדיבור וואס יעקב האט געהייסן די מלאכים זאגן עשו׳ן -

צוזאמען דערמיט האט ער זיי אבער געהייסן זאגן עשו׳ן "ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה" - איז אע"פ אז רש"י באווארנט אז יעקב האט אים דערמיט געזאגט אז דאס איז ניט מעין ברכותיו של יצחק, ווארום "אבא אמר לי מטל השמים ומשמני הארץ, זו אינה לא מן השמים ולא מן הארץ" (וישלח שם ו) - דארף מען אבער פארשטיין וואס קען מען דערפון אפלערנען בנוגע צו "סימן לבנים"?

ד. וועט מען דאס פארשטיין פון כללות הענין פון פרשת השבוע, וואס דאס איז פרשת "ויצא":

ס׳איז דאך ידוע הורת הבעש"ט (שעהיוה"א בתחלתו), און דער מגיד ברענגט דאס אויך אין או"ת (ד, ב ואילך) עה"פ "כל אשר יקרא לו האדם נפש חיה הוא שמו" (בראשית ב, יט) - אז דער נאמען פון דער זאך ווי דאס ווערט אנגערופן בלה"ק, איז דאס מחיה און מהווה די זאך, און דאס גיט ארויס דעם תוכן פון דער זאך.

און דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנדו"ד, אז די גאנצע סדרה מיט

- אלע -



<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

אלע פרטים שבה, האט א שם כללי (וואס דאס איז דער שם פון כל עניני הסדרה) - וואס דער שם איז "ויצא" (אפי' ניט "ויצא יעקב", ווי ס'איז דא סדרות וואס זייער שם איז פון צוויי ווערטער, נאר "ויצא" אליין).

און וויבאלד אז דאס איז א חלק אין תורה - גיט דאס ארויס א הוראה כללית צו א אידן אז ס'דארף זיין דער ענין פון "ויצא".

אע"פ אז אויף אידן זאגט מען דאך "ועמך כולם צדיקים" (ישעי' ס, כא), וואס דער ענין פון א צדיק איז דאך, אז ער איז "עוצם עיניו מראות ברע", און נאכמער: "לא יגורך רע" (תהלים ה, ה), ער וויל גארניט האבן צו טאן מיט רע, ער וויל זיך איינשליסן אין זיינע ד' אמות - ד' אמות של קדושה - זאגט מען אים אבער אז דער תכלית און די שליחות פון א אידן איז, אז ס'זאל זיין דער ענין פון "ויצא", ער זאל ארויסגיין פון זיינע ד"א של קדושה, און גיין אויפטאן אין וועלט.

ה. די ראי' אויף דערויף (אז ס'דארף זיין "ויצא") איז, פון כללות הענין פון ירידת הנשמה למטה:

לכאו' איז ניט מובן למה עשה ה' ככה, ס'זאל זיין ירידת הנשמה בגוף? - קודם ירידת הנשמה למטה, איז זי דאך געשטאנען אין א מעמד ומצב פון "חי ה' אלקי ישראל אשר עמדתי לפניו" (מ"א יז, א), ובלשון הזהר (ח"ג כט, ב. תנחומא ברכה ו) אז די נשמות זיינען געווען חקוקות מתחת כסא הכבוד - אעפ"כ האט דער אויבערשטער גענומען די נשמה מאיגרא רמה, און האט איר אראפ געבראכט אין א בירא (ניט כתם אין א בור, נאר אין א בירא) עמיקתא, און ווער טוט דאס - דער עצם הטוב.

ביז אז דאס איז אין אן אופן פון "ויפח באפיו נשמת חיים" (בראשית ב, ז), ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא (פ"ב. אגה"ת פ"ד), אז דאס איז ניט אזוי ווי ס'איז געווען ביי אלע נבראים אין אן אופן פון "ויאמר אלקים" - דער ענין פון אמירה (וואס אזוי איז געווען אפי' אין בריאת האדם - "ויאמר אלקים נעשה אדם") - נאר אין אן אופן פון "ויפח באפיו נשמת חיים" - אין אן אופן של נפיחה.

וואס דער חילוק צווישן אמירה (דיבור) מיט נפיחה איז, ווי מ'זעט דאס אויך ביי דעם אדם התחתון (וואס ער ווערט אנגערופן אדם ע"ש אדמה לעליון (של"ה חלק תושב"כ וישב סוף הדרוש צאן יוסף)), אז דער ענין פון אמירה איז אין אן אופן פון הבל חיצוני, משא"כ דער ענין פון נפיחה, איז "מאן דנפח מתוכי' נפח - מתוכיותו ומפנימיותו", ד.ה. אז דאס דארף זיין דוקא בכח וכו' (משא"כ אויף דעם ענין פון אמירה דארף מען ניט נוצן קיין כח, מערניט ווי א הבל חיצוני).

וואס דער ביאור בזה (פארוואס דארף זיין דער ענין פון "ויפח" דוקא) איז: בשעת ס'דארף זיין דער ענין פון "נעשה אדם", וואס עשי' איז דאך מלשון תיקון (מלשון "ועשתה את צפרניה") - אז ס'זאל אראפקומען אין אן אופן של ציור פון רמ"ח אברים ושס"ה גידים, מיט אלע פרטים רוחניים וגשמיים, דארף דאס אראפקומען אין דעם עולם התחתון וואס ער איז באשאפן געווארן דורך די עשרה מאמרות (ניט אין אן אופן של נפיחה), איז כדי ס'זאל קענען זיין דער ענין פון בחירה, איז בחיצוניות זעט מען אז דער "נעשה אדם" ווערט דורך "ויאמר";

משא"כ אבער לאמיתתו של ענין, ובפרט אז ס'רעדט זיך וועגן דעם קשר פון דעם גוף מיט די נשמה, וואס די נשמה איז דאך א "חלק אלקה ממעל ממש", און ענינה ומקומה איז דאך אין איגרא רמה - איז כדי אז די נשמה

- זאל -

זאל זיך קענען פארבינדן מיטן גוף האדם, וואס דאס איז דאך בירא עמיקתא,

ובפרט לויט ווי דער אלטער רבי איז מבאר (תו"א בראשית ג, ד ואילך) אז גוף האדם איז נאך נידעריקער פון גופות שאר הנבראים, ווי מ׳זעט אז יצירתו של האדם איז אנדערש פון אלע נבראים, וואס אלע בהמות וחיות, און אפי׳ די עשבים און דשאים, זיינען באשאפן געווארן מלכתחלה א גוף מיט א נפש צוזאמען;

דער איינציקער אויסנאם איז געווען דער אדם, וואס פריער איז באשאפן געווארן נאר דער גוף, אין אן אופן פון א גולם, כמ"ש "גלמי ראו עיניך" (תהלים קלט, טז), און ווי די גמרא (סנהדרין לח, ב) זאגט אז ס׳איז דורכגעגאנגען כמה שעות וואס דער גוף איז געווען אין אן אופן של גולם, און ערשט דערנאך איז געווען א באזונדער ענין פון "ויפח באפיו נשמה חיים", וואס דערפון זעט מען אז גוף האדם איז נידעריקער פון די גופות פון שאר הנבראים -

איז כדי ס׳זאל קענען זיין דער חיבור פון אזא נידעריקער גוף, מיט "נשמת חיים", וואס זי איז "חלק אלקה ממעל ממש", און זי נעמט זיך פון "לובן העליון", און פון העלם העצמי (ווי געווערעדט פריער אין מאמר), וואס דארטן איז "ישראל ומלכא בלחודוהי" - איז אויף דעדויף דארף מען האבן דעם "ויפח באפיו", א נפיחה בכח (כביכול) דוקא, מתוכיותו ומפנימיותו (ראה המשך תרס"ו ע׳ תצב ואילך).

און דעם ענין פון תוכיותו ופנימיותו איז מען ממשיך אין "גלמי ראו עיניך", ניט אין אן ענין וואס האט עכ"פ חיות פון א חי אדער פון א צומח, נאר דוקא אין א דומם. כמבואר בארוכה בכ"מ אז דאס איז מצד דערויף וואס כל הגבוה גבוה יותר יורד למטה מטה יותר.

וואס דערפון איז דאך מובן אז ס׳דארף זיין דער ענין הירידה למטה דוקא, בדוגמת כללות הענין פון ירידת הנשמה למטה, וואס דערפאר דארף זיין די עבודה פון א אידן אין אן אופן פון "ויצא" דוקא, כדלקמן (ס"ט).

ו. וויבאלד אז פון כללות הענין פון ירידה הנשמה למטה דוקא, זעט מען אז דער תכלית איז ס׳זאל זיין "ויצא" דוקא, ארויסגיין פון זיינע ד׳ אמות של קדושה, און טאן אין וועלט - למטה דוקא, וואס דאס איז דאך דער ענין פון ביטול - איז דערפון מובן אויך בנוגע צו עבודת האדם אז אע"פ אז ס׳איז דא די עבודה וואס ער איז עובד את קונו מצד הבנה והשגה, אדער מצד א מדה שבלב, אהבה אדער יראה וכיו"ב - איז אבער די עבודה הכי נעלית - די עבודה אין אן אופן של ביטול דוקא.

ובדוגמא ווי דאס איז אין די ד׳ שלבים פון עבודת התפלה, וואס דאס הויבט זיך אן פון "הודו לה׳ קראו בשמו", וואס דעמולט איז ער אין א מעמד ומצב וואס ער קען מאכן תנועות מיט די הענט, און קען שפאצירן וכו׳; דערנאך איז דא די עבודה פון ברכות ק"ש, וואס דארטן זאגט מען "ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל וכו׳"; דערנאך איז דא די עבודה פון ק"ש, וואס דעמולט זאגט מען "ואהבת", אז ס׳איז דא דער רגש שבלב און די הבנה והתבוננות בזה -

זיינען דאס אבער נאר די שלבים און די הכנות אויף צוקומען צו שלימות העבודה - דער ענין פון שמו"ע, תפלת העמידה. וואס דעמולט שטייט ער אין א מעמד ומצב פון כעבדא קמי מרי׳, און דעמולט איז "לא ירמוז בעיניו וכו׳", ער ענטפערט ניט אויף קיינע ענינים, און ביי אים איז ניט שייך קיין תנועה, ווארום זיין גאנצע מציאות איז מציאות האדון, כמבואר בארוכה אין המשך תרס"ו (ע׳ שכו).

- און -

און ווי ס'איז אויך פארשטאנדיק אין נגלה, אז וויבאלד אז בתפלת העמידה שטייט ער אין א מעמד ומצב פון כעבדא קמי מרי' - איז דאך דער דין אז אן עבד איז ניט קיין מציאות בפ"ע, נאר "מה שקנה עבד קנה רבו" (פסחים פח, ב. קידושין כג, ב).

[און ווי ראשונים (ראה רשב"א קידושין שם) באווארענען אז ס'איז ניט דער פשט אז דער עבד איז גאר ניט קיין מציאות, ווארום דעמולט איז דאך ניט שייך צו זאגן "מה שקנה עבד" - אויב דער עבד איז ניט קיין מציאות, איז ער מלכתחלה ניט קונה, לכתחלה האט קונה געווען רבו - מוז מען זאגן אז דער עבד איז יע קונה, אבער גלייך ווי ער איז קונה זאגט מען אז קנה רבו, ווארום זיין גאנצע מציאות איז די מציאות פון רבו (קנה רבו)].

וואס דערפון זעט מען דאך גודל מעלת הביטול, אז שלימות העבודה פון תפלה איז אין תפלת העמידה - דער ענין הביטול דוקא.

ז. עד"ז איז פארשטאנדיק גודל מעלת הביטול עפ"י המבואר אין דעם מאמר (וואס ער איז דאך גענומען פון מאמרי רבותינו נשיאינו) אז אע"פ וואס לכאו' איז תכלית השלימות פון אידן - דער ענין פון בנים, ווי ס'שטייט "בנים אתם לה' אלקיכם" (ראה יד, א), און נאך העכער: "בני בכורי ישראל" (שמות ד, כב) -

זאגט מען אבער אז ס'איז דא א העכערע דרגא פון "הוא לי לאב ואני לו לבן" - די דרגא פון "הוא לי לרועה ואני לו לצאן" (שה"ש עה"פ דודי לי). וואס דאס איז ווי אידן שטייען אין אן אופן של ביטול, בדוגמת הביטול פון דעם צאן צום רועה (וואס דער ביטול פון צאן צום רועה איז א טיפעדער ביטול אפי' פון דעם ביטול פון א שור וחמור וכו', ווי מ'זעט דאס אויך בפשטות), און מ'זאגט אז די דרגא פון צאן - ענין הביטול, איז נאך העכער פון די דרגא פון "בן".

און דערפאר זאגט מען אז דער ביטול פון "צאן" דערגרייכט ביז אין התנשאות עצמית, ובלשון המאמר - אין לובן העליון. און דוקא דורך דעם ענין פון צאן - תכלית הביטול, ווערט דער ענין פון אתקשרא דא בדא, ישראל וקוב"ה כולא חד.

ח. דער אופן הביטול פון צאן איז דא דוקא ביי נשמות, אפי' ניט ביי די מלאכים. אע"פ אז מלאכים ווערן דאך בכלל אנגערופן "עומדים" (לקו"ת שלח לח, ד), וואס עמידה האט דאך אויך דעם אפטייטש פון ביטול, אז עד שטייט על עמדו, ואינו זז ממקומו, מצד תכלית היראה, ווי דאס איז ביי די מלאכים וואס זיי שטייען בתכלית הביטול -

איז אבער דא נאך א טיפערער ביטול, ווי דאס איז ביי נשמות, און ביי צדיקים, וואס "ועמך כולם צדיקים". ווארום וויבאלד אז זיי ווערן אנגערופן "מהלכים" (שם), איז דאך פארשטאנדיק אז בשעת זיי נוצן אויס זייער כח ההילוך אויף צוקומען צום ענין הביטול - איז זייער ביטול א טיפערער פון ביטול המלאכים, ביז ווי ס'שטייט אין מדרש (דב"ר פ"א, יב) אז מחיצתן של צדיקים לפנים ממלאכי השרת.

ביז ווי ס'שטייט אין מדרש (שה"ש ופירש"י) עה"פ "חברים מקשיבים לקולך" (שה"ש ח, יג) - אז די מלאכים צוזאמען מיט קוב"ה כביכול זיינען מקשיבים לקולך, זיי קומען הערן ווי אזוי אידן זאגן א דין אין תורה.

וואס דאס איז דאך אויך פארבונדן מיטן ענין הביטול, ווארום דער לימוד התורה איז אין אן אופן פון ברכו בתורה תחלה, אז ער איז ממשיך

- ומברך -

ומברך דעם נותן התורה אין תורה, ער פארבינדט די תורה מיטן אויבערשטן, וואס דאס איז דאך כללות הענין פון תפלה, אז ער איז זיך מתחבר מיט נותן התורה - דער ענין הביטול (כנ"ל ס"ו).

וואס דערפאר איז דאך דא א מעלה אין תורה שלאחר התפלה לגבי ווי לימוד התורה איז קודם התפלה (לקו"ת בהר מ, ב ואילך), אע"פ אז לכאו' איז תורה און תפלה צוויי באזונדערע ענינים. ווי אבא בנימין האט געזאגט "שתהא תפלתי סמוכה למטתי" (ברכות ה, ב), טייטשן דאך אפ ראשונים (ראה רש"י שם) אז דאס איז כדי אז דער לימוד התורה זאל זיין לאחרי התפלה, וואס דעמולט איז לימוד התורה באופן נעלה יותר.

וכנ"ל אז דער לימוד התורה איז אין אן אופן פון "ברכו בתורה תחלה", וואס דער לשון און דער תוכן הברכה איז דאך, אז דער אויבערשטער איז "נותן התורה" לשון הווה, אז בשעת ער גייט איצטער לערנען תורה, זאגט מען אים אז דאס איז כנתינתה מסיני, וואס דערפאר איז "מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה ובדתה ובזיע" (ברכות כב, א), ווארום דער מעמד ומצב איצטער איז פונקט ווי ס'איז געווען ביי מ"ת. וואס דאס זאגט תורת אמת אז מ'מאנט פון אים ער זאל שטיין אין א מעמד ומצב אזוי ווי בשעת מ"ת, ווארום איצטער ווערט די תורה געזאגט מחדש ע"י הקב"ה.

און דורך וואס נעמט מען די תורה - דוקא דורך דעם ביטול פון הקדמת נעשה לנשמע, ניט דורך דעם ענין פון "נשמע" - הבנה והשגה, נאר ווי רבא האט געענטפערט אז "תומת ישרים תנחם" (שבת פח, ב), אין אן אופן פון הקדמת נעשה לנשמע דוקא (דער ענין הביטול).

ביז אז אין קדושה גופא - וואס ענין הקדושה בכלל איז דאך תכלית הביטול - איז דא אין דערויף דרגות, ווי מ'זעט אז די הלכה איז כב"ה דערפאר וואס זיי זיינע נוחים ועלובים, אע"פ אז מצד הבנה והשגה זיינען ב"ש חריפי טפי (עירובין יג, ב. יבמות יד, א), אעפ"כ איז די הלכה כב"ה, דערפאר וואס ביי זיי איז געווען דער ענין הביטול מעדער ווי ביי ב"ש.

ט. כאמור לעיל אז ס'דארף זיין דער ענין פון "ויצא" דוקא, ע"ד כללות הענין פון ירידת הנשמה למטה.

וכמבואר אין חסידות (סה"מ הר"ל ע' כט) אז דער ענין פון "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" - גייט דאס אויף דעם ענין פון ירידה הנשמה למטה, וואס קודם ירידתה למטה געפינט זי זיך אין באר שבע, וואס דער ענין פון באר שבע איז, ווי דאס איז בפשטות אז דאס איז געווען דער ארט וואו ס'זיינען געווען אביו ואמו, וואס ביי אידן איז דאך דאס דער ענין פון "בנים אתם לה' אלקיכם" - ווי די נשמה איז חקוקה מתחת כסא הכבוד, און נאך העכער: "כל נשמהא ונשמתא הוי קיימא בדיוקנאה קמי' מלכא קדישא" (ראה זח"ג קד, ב. כט, ב),

און פון דארטן קומט זי אראפ דא למטה אין א גוף גשמי, אין אן אופן פון העלם והסתר וכו'. וואס דאס איז דער ענין פון "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", אז די נשמה גייט ארויס פון "באר שבע" - דער באר און דער מקור פון שבעת ימי הבנין (אוה"ת ויצא קעב, א. וראה קה"י בערכו), און "וילך חרנה" - זי גייט אין חרון אף של מקום בעולם (פירש"י ס"פ נח).

וואס דאס איז דער תכלית און די שלימות פון די גאנצע סדרה, אז די נשמה ווערט נמשך פון לובן העליון (דער ערשטער אפטייטש אין "לבן"),

- און -

און פון דארטן קומט זי אראפ אין לבן כפשוטו, אין עוה"ז הגשמי והתחתון שאין התחון למטה הימנו.

ביז וואנעט אז מ'דארף האבן צו טאן מיט "לבן הארמי" - אן ענין של רמאות, ד.ה. אז ניט נאר אז ער דארף זיך אפהיטן פון ענינים וואס ס'שטייט בפשטות אין שו"ע אז זיי זיינען אסור, נאר ער דארף זיך אפהיטן אפי' פון ענינים וואס בפשטות זעט אויס אז זיי זיינען מותר (שזהו"ע של רמאות), אז מ'דארף זיך אפהיטן פון מותרות, און ס'דארף זיין "קדש עצמך במותר לך" (יבמות כ, א. וראה ספר חרדים סוף חלק מ"ע מה"ת. רמב"ן ר"פ קדושים), און "עשו סייג לתורה" (אבות פ"א מ"א) - כללות הענין פון גזירות דרבנן, ביז א דקדוק קל של דברי סופרים, ביז אפי' מנהג ישראל תורה הוא (תוד"ה נפסל מנחות כ, ב).

וואס לכאו' איז דאס א זאך וואס זעט אויס למראה עיני בשר אז דאס איז א דבר המותר, במילא איז פארוואס זאל ער דערפון ניט הנאה האבן?! ובלשון הירושלמי (נדרים פ"ט ה"א) "דייך מה שאסרה לך התורה" - זאגט מען אים אז במעמדו ומצבו דארף ער אנקומען צו "קדש עצמך במותר לך", אז אע"פ אז דאס האט טאקע א לבוש און ס'זעט אויס אז דאס איז "מותר לך", אעפ"כ, וויבאלד ער געהערט צו א "גוי קדוש", מאנט מען פון אים "קדש עצמך במותר לך". און דוקא אין אזא אופן פירט ער דורך שליחותו בעולם.

וכידוע די דוגמא וואס מ'ברענגט אויף דערויף, דאס וואס די גמרא (פסחים מט, ב) זאגט "ע"ה אסור לאכול בשר" (און מ'זאגט אויף דערויף דעם שארפן ווארט "אסור"). שטייט דאך דער ביאור בזה, אז בשעת ער איז אין דער דרגא פון א ת"ח, וועט אים דער בשר ניט אראפפירן פון וועג, ועאכו"כ אז ס'וועט ביי אים ניט זיין "וישמן ישורון (ביז אין אן אופן פון) ויבעט" (האזינו לב, טו);

אבער בשעת ער שטייט אין א דרגא פון אן ע"ה, טאר ער ניט עסן קיין בשר, ווארום דער בשר וועט אים אראפפירן פון וועג, ביז אז ס'וועט זיין "וישמן ישורון ויבעט", וואס דערפאר ווערט דאס אן איסור בדברי חז"ל אין נגלה דתורה.

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז ע"ד ווי ס'איז דא כו"כ דרגות אין ע"ה, אנהויבנדיק פון ע"ה כפשוטו וואס ער ווייסט ניט קיין זאך, ביז צו די דרגא פון ע"ה, אז קרא ושנה וכו', ביי אים איז געווען אלע ענינים, מערניט וואס עס פעלט ביי אים אין שימוש תלמידי חכמים, ווערט ער אנגערופן אן ע"ה, ווי די גמרא זאגט אין סוטה (כב, א) -

וואס דערפון איז פארשטאנדיק בנוגע צו דעם ענין פון בשר, אז ס'איז דא דער בשר כפשוטו, און ס'איז דא דער ענין פון בשר - די ענינים וואס זיינען מערער פון דעם הכרח שלו במעמדו ומצבו זה; וואס דערפאר דארף ער זיך אפשאצן צי ער איז שוין אדויס פון די דרגא פון ע"ה, און ער מעג שוין עסן אט דעם בשר, אדער אז אין דעם פרט איז ער נאך אן ע"ה, במילא טאר ער ניט עס אט דעם ענין אין בשר.

י. און דאס איז כללות הענין פון דער סדרה פון "ויצא", אז מ'זאגט צו א אידן אז ער דארף וויסן אז ס'דארף זיין דער ענין פון "יצא אדם לפעלו" (תהלים קד, כג), אז די כוונה איז ניט ער זאל בלייבן כל ימיו אין ד' אמות של תורה און ד' אמות של תפלה, נאר די כוונה איז, ער זאל ארויסגיין און אויפטאן אין וועלט.

ווי ס'שטייט אין שו"ע (ראה שו"ע אדה"ז או"ח סק"ו ס"ד) אז די הנהגה פון תורתו אומנתו איז געווען נאר בזמן רשב"י וחבריו, אבער

- איצטער -



הנחת הת' בלתי מוגה

איצטער איז ניטא אזא מציאות. וואס לכאו' איז דאס א דבר פלא: פארוואס זאל איצטער ניט קענען זיין אזא מציאות? בזמן רשב"י וחבריו זיינען דאך אויך ניט געווען רוב אידן אין א מעמד ומצב פון תורתם אומנתם, מערניט ווי רשב"י וחבריו - איז לכאו' האט דאך געקענט זיין איצטער אזא מציאות פון א אידן וואס תורתו אומנתו, אעפ"כ, שטייט אבער אין שו"ע אז איצטער איז ניט שייך דער ענין פון תורתו אומנתו.

וואס דער ביאור בזה איז, אז אה"נ אז מ'מוז טאקע האבן דעם ענין פון לימוד התורה אין אן אופן אז יעדן רגע פנוי וואס ער האט דארף ער אים אויסנוצן אויף לימוד התורה, און ווי ס'שטייט אין הל' ת"ת (רמב"ם הל' ת"ת פ"א ה"ח. שו"ע אדה"ז או"ח רסקנ"ה) אז אפי' א זקן, און אפי' א בעל יסורים ח"ו, איז יעדן רגע וואס ער קען לערנען תורה, מוז ער אים אוועקגעבן אויף לימוד התורה - אעפ"כ דארף ער ניט פארגעסן אז כל האומר אין לי אלא תורה אפי' תורה אין לו (יבמות קט, ב), נאר ס'דארף זיין "תורה וגמ"ח" (לקו"ת ויקרא ה, א).

און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק (ס"ט) אז "עיקר עבודת ה' בעתים הללו בעקבות משיחא היא עבודת הצדקה", ניט אזוי ווי אין די דורות פון די תנאים ואמוראים וואס עיקר עבודתם איז געווען אין לימוד התורה, נאר ווי ער זאגט דארטן אז אין "עקבות משיחא" איז עיקר העבודה אויך אין "עקבתא" פון עבודה - דער ענין המעשה, וואס בכללות איז דאס דער ענין פון עבודת הצדקה.

עס דארף טאקע זיין דער ענין פון לימוד התורה בהתמדה ושקידה, ער דארף אבער געדיינקען אז ער געפינט זיך אין א וועלט וואס אין איר בלאנדזשען אידן ר"ל, און זיי זוכן איינעם וואס זאל זיי מציל זיין און אוועקשטעלן זיי בקרן אורה, ביז אז דאס איז א מעמד ומצב פון פקו"נ ממש - דער ענין וואס ער איז מביאו לחיי עוה"ב, און דורך דעריף פועל'ט ער אז ער זאל אויך האבן חיי עוה"ז אין אן אופן פון "חיים", ניט אין אן אופן פון תוהו ובוהו.

וואס אין די דורות שלפנ"ז איז געווען דער מעמד ומצב אז די גאס אליין איז ניט געווען קיין מנגד אויף לימוד התורה און קיום המצוות, עכ"פ אין א בעה"ב'שן אופן, אדער עכ"פ אין אן אופן פון אן ע"ה א ירא"ש; אבער בדורנו זה, חושך כפול ומכופל פון גלות, איז געווארן דער מעמד ומצב אז די וועלט איז ניט נאר א העלם והסתר, נאר זי איז גאר א מנגד צו לימוד התורה און קיום המצוות. וואס דערפאר איז נוגע ביותר אז מ'זאל ארויסגיין אין וועלט און מקרב זיין א צווייטן אידן.

און מ'זעט דאך בעיני בשר, אז בשעת מ'גיט זיך אפ מיט א צווייטן אידן, איז ניט נאר אז מ'מאכט פון א קליינעם למדן א גרעסערן למדן, אדער פון אן ע"ה א למדן, נאר מ'איז מציל דעם צווייטן אידן, אדער אים אליין, אדער (אויב ער איז נאך ניט אזוי געפאלן) בניו ובני בניו, אז זיי זאלן בלייבן אידן, און זיי זאלן זיך פירן עכ"פ בנוגע למעשה ווי א איד דארף זיך פירן.

וואס דערפאר מוז מען זיך אפגעבן מיט א צווייטן אידן, אפי' אויב צוליב דעריף דארף ער אנקומען צו "ויצא יעקב מבאר שבע", און מ'דארף גיין "חרנה" - אין חרון אף של עולם, און אויפטאן אויך דארטן.

יא. אזוי איז אויך געווען די הנהגה פון יעקב'ן: פריער איז ער געווען י"ד שנה בבית מדרשו של שם ועבר, און האט געלערנט תורה בהתמדה ושקידה; אבער דערנאך איז געווען דער "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", ער איז

- ארויסגעגאנגען -

ארויסגעגאנגען אין וועלט, און האט אויפגעבויט בנים ובנות, ביז אז ס'איז געווען "ויפרוץ האיש מאד מאד". און דוקא דורך דעם איז ער צוגעקומען צו תכלית השלימות.

איז בשעה ער איז געווען "יושב אהלים" - "אהלו של שם ואהלו של עבר" (פירש"י תולדות כה, כז), האט ער געלערנט תורה בהתמדה ושקידה; אבער דערנאך בשעת ער איז געקומען אין חרן (צו לבן), איז געווען עבודתו בצאן לבן, וואס דאס איז דאך כללות העבודה אין חלקו בעולם, מאכן פון חלקו בעולם א דירה לו ית'.

זייענדיק ביי לבן איז ביי אים אויך געווען דער ענין פון לימוד התורה, ווי די גמרא זאגט אין יומא (כח, ב) "מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם", סיי ביי אברהם סיי ביי יצחק סיי ביי יעקב, עד"ז איז ביי אים געווען אויך דער ענין התפלה, ווי ס'שטייט אין מדרש (ב"ר פס"ח, יב. וראה לקו"ש ח"ג ע' 791) אז די צוואנציק יאר וואס יעקב איז געווען ביי לבן, האט ער דעמולט געזאגט "שיר המעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי וגו'" - דער ענין פון תהלים, וואס בכללות איז דאך דאס דער ענין התפלה -

אבער אעפ"כ, איז דאך אין מקרא יוצא מידי פשוטו - אז עיקר עבודתו של יעקב איז געווען אין צאן לבן, וואס דאס איז כללות העבודה אין חלקו בעולם.

ביז ווי דער אלטער רבי זאגט אין שו"ע אין הל' שאלה ושכירות (ס"כ) אז מ'לערנט אראפ דינים פון הנהגת יעקב בנוגע צו די עבודה פון א שכיר אדער א פועל, "וכן חייב לעבוד בכל כוחו, שהרי יעקב הצדיק אמר כי בכל כחי עבדתי את אביכן" - וואס דערפון איז דער הכרח נאכמער אז עבודת יעקב איז באשטאנען אין צאן לבן כפשוטו.

יב. דערפון איז דא א הוראה בעבודת כאו"א, אז עיקר העבודה באשטייט אין דערויף אז ער גייט ארויס פון זיינע ד' אמות, און ער טוט אויף אין וועלט.

בזמן התנאים והאמוראים איז געווען א מציאות פון הנהגת רשב"י וחבריו; אבער בזמן הזה איז עפ"י שו"ע ניט שייך דער ענין פון תורתו אומנתו. מ'דארף טאקע פריער לערנען אין א ישיבה, אין ד' אמות של תורה, און לערנען בהתמדה ושקידה, און ניט נאר אייך שמיטה, נאר י"ד שנים (ווי ס'שטייט דער ביאור בזה פארוואס האט יעקב געלערנט דעם מספר השנים דוקא (ראה בן יהוידע למגילה יז, א)) - אבער דערנאך דארף מען וויסן אז כל האומר אין לי אלא תורה אפי' תורה אין לו, נאר עס דארף זיין תורה וגמ"ח.

עד"ז אין תורה גופא דארף זיין דער ענין פון "והעמידו תלמידים הרבה" (אבות פ"א מ"א), וואס דאס האט זיך שוין אנגעהויבן פון אנשי כנסת הגדולה, אלס א ציווי, עכ"פ אין אן אופן פון מילתא דחסידותא, אבער דערנאך (בדורות אלו) איז דאס געווארן א הכרח מצד דעם ענין פון פקו"נ.

און דווקא אז מ'זאגט "והעמידו תלמידים הרבה", איז ניטא אין דערויף קיין מדידה והגבלה, ווארום אויב עס קען זיין נאכמער, איז דאס נאך ניט "הרבה". איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז בשעת ער האט זיך דער-וואוסט אז ס'איז דא א אידישער קינד וואס אים דארף צוקומען אין לימוד התורה, און ניט אז אים פעלט אין לימוד התורה באופן של גאונות וכו',

- נאר -

נאר עס פעלט אים אין לימוד התורה בנוגע צו מעשה בפועל אין די הנהגה יום יומית - איז דא אויף אים דער חיוב פון "והעמידו תלמידים הרבה".

און ווי דער אלטער רבי פסק'נט אפ אין הל' ת"ת (פ"א ה"ח) "מ"ע של תורה על כל חכם וחכם מישראל ללמד את כל התלמידים אע"פ שאינן יוצאי ירכו. שנאמר ושננתם לבניך . . אלו תלמידיך", וואס דאס איז דער פס"ד אין שו"ע, וואס דאס איז גענומען פון ספרי (עה"פ ואתחנן ו, ז), און פון רמב"ם (הל' ת"ת פ"א ה"ב).

וואס "ושננתם לבניך (אלו התלמידים)" איז דאך א מ"ע מן התורה, וואס מ'זאגט דאס אין ק"ש אין פרשה ראשונה, און אין פרשה שני' זאגט מען נאכאמאל "ולמדתם אותם את בניכם", און מ'זאגט דאס פעמיים בכל יום, און דערנאך איידער ער לייגט זיך שלאפן, חזר'ט ער דאס איבער נאכאמאל אין קשעהמ"ט.

און אין דערויף איז מען נאך מדגיש אז די מצוה איז גאר "על כל חכם וחכם", וואס לכאו' וויבאלד ער איז א חכם, קען ער דאך שטייגן אין לימוד התורה פאר זיך - אעפ"כ זאגט מען אז דוקא אויף אים איז עיקר המצוה "ללמד את כל התלמידים".

און מ'איז נאך מדגיש אין דערויף "אע"פ שאינן יוצאי ירכו", וואס דערפון איז דאך אויך פארשטאנדיק אז דאס איז כולל ניט נאר די קינדער וואס געפינען זיך שוין ביי אים אין ישיבה, ווארום זיי ווערן שוין אנגערופן "בניו", וויבאלד אז זיי זיינען זיינע תלמידים, און "לבניך אלו התלמידים" - נאר דאס איז אויך כולל א קינד וואס געפינט זיך מבחוץ, ער איז קיין מאל ניט געווען זיין תלמיד, ער האט זיך ערשט דערוואוסט וועגן דעם קינד, זאגט מען אים אז ער האט א "מ"ע של תורה" לערנען אויך מיט דעם קינד.

יג. ומעשה אבות סימן לבנים - אזוי ווי ביי יעקב איז געווען דער ענין פון "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", עד"ז דארף זיין די הנהגה פון יעדן אידן, אז ער דארף ארויסגיין פון באר שבע, אע"פ אז ער ווייסט אז ער גייט אין "חרנה".

און בשעת ער הויבט אן שרייען היתכן ער זאל גיין אין חרן, ער האט דערפון מורא - זאגט מען אים אז דאס זאגט אים אן יצחק אביו, און דאס זאגט אים אן רבקה אמו, ווי דערציילט אין די פריערדיקע סדרה, במילא גייט ער בכח פון כיבוד אב ואם, וואס זיי זיינען דאך מערניט ווי שותפים עם הקב"ה (קידושין ל, ב) - און אידן זיינען דאך "בנים אתם לה' אלקיכם", און שכינתא איז דאך דער ענין פון כנס"י (תניא פל"ז), במילא האט ער ניט וואס צו מורא האבן, ווארום וואו ער גייט, געפינט זיך דער אויבערשטער צוזאמען מיט אים, וואו א איד איז גולה איז "שכינה עמהם" (ספרי עה"פ מסעי לה, לד).

עאכו"כ וועו מ'פארנעמט זיך מיט הפצת התורה והמצוות והיהדות, און אין אן אופן של ביטול, אז ער גייט ארוים פון זיין מציאות, ווי גערעדט פריער (בהמאמר) אז "צאן" איז אויך מלשון יציאה, אעפ"כ זאגט מען דאך ניט אויף אלע ענינים פון וועלט אז זיי ווערן אנגערופן בשם "צאן" - נאר וועו איז ניכר אויף אים אז ער איז געקומען פון "לובן העליון" - דוקא בשעת ער שטייט אין א מעמד ומצב פון "צאן" - אין אן אופן של ביטול.

איז בשעת ער איז מבטל זיין מציאות, און גיט א קוק ארום זיך וויפל קינדער מ'דארף ברענגען לאור גדול, און נאך פאר דערויף - לחיים, מיט אלע פרטי הדברים שבזה -

- גייט -



הנחת הת' בלתי מוגה

גייט ער דעמולט בפשיטות צו טאן אין דערויף, און ער טוט דאס אין אן אופן ווי ס'איז געווען ביי יעקב'ן, "וישא יעקב רגליו" (ויצא כט, א ובפירש"י), אז ער איז געגאנגען בשמחה, און האט דורכגעפירט אז ס'איז געוואָרן מטתו שלמה, איז עד"ז גייט יעדער איד אין אן אופן של שמחה, און ער פועל'ט אז ס'איז ניטא קיין דופי ח"ו אין זיינע תלמידים, ביז אז כל עניניו און חלקו בעולם זיינען אין אן אופן פון שלימות.

יד. און דאס ווערט די הכנה קרובה צו ביאת משיח צדקנו, וואס שלום ושלוה יהי' בימיו.

וואס די גאולה פון איצטיקער גלות וואס וועט זיין ע"י משיח צדקנו, וועט זיין (ניט אין אן אופן אזוי ווי ס'איז געווען ביי גלות בבל און גלות מדי און גלות פרס, אז א טייל אידן זיינען נגאל געוואָרן, און א טייל אידן זיינען געבליבן אין גלות, נאר די גאולה פון גלות אדום וועט זיין) אין אן אופן אז די גאולה פון יעדערן וועט זיין דוקא ווען אלע אידן וועלן זיין מוכן צו גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו.

און ס'וועט זיין אין אן אופן פון "ואתם תלוקטו לאחד אחד בנ"י" (ישעי' כז, יב), ווי רש"י (נצבים ל, ג) ברענגט אראפ אז דער אייבערשטער וועט נעמען יעדן אידן פארן האנט, אפי' א איד וואס געפינט זיך בקצוי תבל אין אן אופן פון שה פזורה (ירמי' נ, יז), און ער וועט אלעמען ארויסנעמען פון גלות, "האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים" (ישעי' כז, יג).

און ס'וועט זיין "קהל גדול ישובו הנה" (ירמי' לא, ח), אפי' א עור און אפי' א פיסח (שם), מיט אלע פירושים שבדבר ווי דאס איז ברוחניות וכו' - וועט זיין "קהל גדול ישובו הנה", און ערשט דערנאך וועלן זיי נתרפא ווערן, דערפאר וואס מ'האט זיי צוגעגרייט אין די לעצטע טעג פון גלות.

און דאס איז מאפשר (דאס לאזט צו) אז ס'זאל זיין די גאולה פון שכינתא, און די גאולה פון גדולי ישראל און רבני ישראל און מדריבי ישראל, מיט עיני העדה - בשעת זיי נעמען צוזאמען מיט זיך אויך צאן מרעיתם, און מ'גרייט זיי צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, בעגלא דידן ובשמחה ובטוב לבב.

* * *

טו. מ'האט גערעדט פריער וועגן די הוראה כללית פון דעם ענין פון עבודת יעקב, אז ס'דארף זיין דער ענין פון "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", וואס דאס איז כללות העבודה פון אידן במשך כל הדורות, דורך דעם ענין פון ירידת הנשמה למטה, אז זי קומט אראפ פון באר שבע, וואס דאס איז ווי די נשמה שטייט תחת כסא הכבוד, און פון דער איגרא רמה קומט זי אראפ אין א בירא עמיקתא - אין חרון אף של עולם, און דארטן דארף זי טאן די עבודה בצאן לבן, אז ער נעמט עניני העולם, און איז זיי מעלה אין א - תכלית הקדושה, ביז אין דער דרגא פון לובן העליון.

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק ווי אזוי קען ער מעלה זיין די ענינים פון עוה"ז התחתון און ברענגען זיי אין תכלית הקדושה - לכאו' זיינען זיי דאך שני הפכים?

איז דער ביאור בזה: דאס איז ניט קיין ענין וואס ער דארף אויפטאן א נייע זאך, ס'איז מערניט ווי אן ענין של תשובה, אז ער דארף זיי אומקערן למקומם הראשון.

- והביאור -

והביאור בזה: דער ענין פון גשמיות העולם ועד"ז הומריות העולם, איז דאס ניט קיין ענין של גשמיות וחומריות מתחלתו - ווארום בעשרה מאמרות נברא העולם (אבות רפ"ה), און "לעולם ה' דברך נצב בשמים" (תהלים קיט, פט), ווי דער בעש"ט איז מבאר (שעהיוה"א בתחלתו) אז די תיבות ואותיות וואס דער אויבערשטער האט געזאגט "יהי אור", און "יהי רקיע" וכיו"ב, זיינען מהווה די גשמיות וחומריות העולם מאין ואפס המוחלט בכל רגע, ווי מ'זאגט "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית".

וואס עפי"ז איז פארשטאנדיק אז ס'איז ניט קיין קושיא ווי אזוי קען מען מאכן פון א דבר גשמי תכלית הקדושה, ביז אז ער זאל זיך אומקערן אין לובן העליון, וואס דאס איז נאך העכער אפי' פון עולם האצילות -

ווארום ס'איז ניט דער טייטש אז ער דארף אויפטאן א נייע זאך אין דעם דבר הגשמי - דאס איז מערניט ווי אן ענין של תשובה, אז ער איז משיב (ער קערט אום) די ניצוצות הקדושה וועלכע זיינען מהווה ומחי' ומקיים אלע ענינים שבעולם, און ער ברענגט זיי צוריק למקורם ושרשם והכליתם, וואס מקומם (<u>זייער</u> ארט) הראשון איז דאך ווי זיי שטייען אין דעם וואס האט געזאגט די עשרה מאמרות.

- בנוגע ווי די וועלט זעט אויס, איז דאס טאקע אן ענין וואס ער טוט אויף א נייעס, ווארום עולם איז דאך מלשון העלם (לקו"ת שלת לו, ב), זעט זיך אן די וועלט ווי א מציאות בפ"ע וכו', אבער באמיתיות הענין איז דאס ניט קיין נייע זאך, נאר אן ענין של תשובה, וואס ער קערט אום די זאך צו <u>זיין</u> שורש ומקור (וראה לקו"ש בראשית ש.ז.).

טז. עפי"ז וועט מען אויך פארשטיין די הסברה אין פרטי הדברים וועלכע מ'דערציילט בנוגע צו עבודת יעקב מיט צאן לבן - ווי דאס איז א סימן לבנים אין די עבודה פון א אידן.

בהמשך צו דעם וואס מ'דערציילט אז עבודת יעקב איז געווען מיט צאן לבן, דערציילט מען אויך אז יעקב האט געהאט "שור וחמור צאן ועבד ושפחה", און מ'זאגט אויך אז עיקר עבודתו איז געווען מיט צאן, און א טייל פון די צאן האט ער פאדביטן אויף אלע איבעריקע זאכן, און דורך דעם האט ער געהאט אויך שור וחמור וכו' (פירש"י ויצא ל, מג). וואס אין דערויף דארף אויך זיין א הוראה אין די עבודה פון א אידן, ווארום התורה היא נצחית, איז דאס אויך א הוראה בתקופתנו ובזמנינו זה.

והביאור בזה:

דער ענין פון צאן אין עבודת האדם איז דאך דער ענין פון ביטול (כנ"ל). איז אע"פ אז ס'דארף טאקע זיין דער ענין פון ביטול, מאנט מען דאך אבער ניט אז ער זאל שטיין כל ימיו בביטול בגלוי, און ניט האבן ביי זיך קיין תוקף אויף רעדן אין אן אופן של הבנה והשגה, און קאכן זיך אין לימוד התורה - וואס אויף דערויף איז דאך ניט גענוג דער ענין פון ביטול, ווארום דורך ביטול אליין קען מען ניט מחדש זיין אין תורה - נאר ס'דארף זיין דער לימוד אין אן אופן פון "יגעת ומצאת" (מגילה ו,ב),

איז בשעת ער דאוונט כל היום כולו, האט ער דעם ענין פון תפלה; בשעת ער טוט אין גמ"ח כל היום כולו, האט ער דעם ענין פון גמ"ח - כדי ער זאל אבער האבן דעם קו התורה, און ער זאל אויפטאן אין תורה, זאגט מען אים אז "לא יגעת ומצאת אל תאמין", ס'קען ניט זיין די מציאות פון "ומצאת" אן דעם ענין היגיעה, איז כדי ער זאל לערנען תורה, און ס'זאל זייך אין אן אופן פון "היא חכמתכם ובינתכם" - דארף ער נוצן אויף דערויף זיין <u>שכל</u>, און ס'איז ניט מספיק דער ענין הביטול שלו.

- דער -

דער ענין פון לימוד התורה דארף טאקע זיין מיוסד אויף דעם ענין הביטול - "ברכו בתורה תחלה", אז נאך איידער ער הויבט אן לערנען תורה, דארף ער חוקק זיין ביי זיך אז "בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו", דאס איז חכמתו של הקב"ה, נאר ס'איז עלה ברצונו ס'זאל זיין "ונתן לנו", וואס כל הנותן בעין יפה נותן (ב"ב נג, א), ד.ה. אז דער אויבערשטער האט געוואלט אז מ'זאל האבן א הבנה והשגה אין זיין תורה, עכ"פ אפס קצהו - איז נאך איידער ער הויבט אן לערנען, ווייסט ער אז דאס איז "תורתו" - של הקב"ה,

איז התחלת העבודה ביי אים געבויט אויף דעם ענין פון "צאן" - ביטול, אבער דערנאך דארף ער אויסבייטן די צאן (אויך) אויף אנדערע ענינים, אז ביי אים זאל זיין דער ענין פון "כשור לעול וכחמור למשאוי" (ע"ז ה, ב), וואס דאס איז דאך דער ענין פון ישכר - "חמור . . ביין המשפתיים" (ויחי מט, יד), ועד"ז דער ענין פון עבד ושפחה, מיט אלע פרטים וואס זיינען דא אין וועלט.

וואס יעדער ענין אין וועלט דארף האבן זיין צוגאנג: בשעת מ'דארף רעדן מיט א גוי, דארף מען רעדן מיט א שטארקייט, ניט אין אן אופן פון ביטול, ע"ד ווי ער רעדט מיטן "אל זר אשר בקרבך" (ראה שבת קה, ב), אין אן אופן פון ירגיז עליו וירעים עליו וכו' (ברכות ה, א. תניא פכ"ט), כדי צו מבטל זיין אים.

איז אע"פ אז דאס זיינען ענינים פון היפך הביטול - אעפ"כ, בשעת דאס איז ביי אים מיוסד (באגרינדעט) אויף דעם ענין פון "צאן" - ענין הביטול, איז מצד דעם ענין הביטול גופא, מאנט זיך אז ס'זאל אויך זיין ענינים פון היפך הביטול, ווארום וויבאלד ער איז אן עבד נאמן, "עבדו נאמן ביתו" - טוט ער אלע ענינים וואס מ'דארף האבן כדי אז דער בית זאל זיין א משוכלל;

איז בשעת מ'דארף האבן דעם ענין פון הבנה והשגה - האט ער דאס מיט א שלימות, ביי אים איז דא א שטורעם אין לימוד התורה בהבנה והשגה; און ביי אים איז דא דער ענין פון "ואתהלכה ברחבה" אין דעם ענין פון ברענגען אידישקייט אין וועלט, ביז אז אלע זיינע ענינים זיינען אין אן אופן פון "בכל דרכיך דעהו",

ד.ה. אז ניט נאר אז דער ענין הביטול איז ביי אים לשם שמים, נאר אלע צען זאכן וואס דער רמב"ם רעכנט אויס אין הל' דעות (דפ"ה), אכילתו ושתיתו וטיולו ומשאו ומתנו וכו' - איז דאס אלץ לשם שמים; ניט נאר אז ביי אים איז דא נאר איין ענין - דער ענין הביטול, נאר עס דארף זיין אלע צען זאכן, ווארום כדי ס'זאל זיין שלימות האדם, דארף ער האבן אלע כוחות פנימיים בשלימותם.

יז. וואס דאס איז די הוראה פון פרטי הענינים פון עבודת יעקב, אז ער האט געהאט ניט נאר "צאן", נאר ער האט אויך געהאט "שור וחמור ועבד ושפחה", ד.ה. אז ס'דארף זיין ניט נאר דער ענין פון ביטול, נאר מ'דארף האבן אלע כוחות פנימיים בשלימותם. דאס איז טאקע מיוסד אויף דעם ענין פון "צאן" (ביטול), ע"ד ווי ס'איז געווען ביי יעקב'ן, אז דער עיקר האט ער געהאט "צאן", און די צאן איז געווען "צאן רבות", און ער האט זיי געביטן אויך אויף אנדערע זאכן, ביז אז ס'איז געווארן "ויפרוץ האיש מאד מאד".

ביז וואנעט אז ס'איז געווארן "תרי"ג מצוות שמרתי" - ניט נאר די מצוה פון ביטול, היפך הגאוה, נאר אויך אלע תרי"ג מצוות, וואס צווישן

- זיי -

זיי זיינען דאך דא כו"כ מצוות וואס זיינען פארבונדן מיט א הנהגה פון "ואתהלכה ברחבה", אנהויבנדיק גלייך פון אנהויב שו"ע אז ס'דארף זיין גבור כארי און עז כנמר, און ווי ער איז מבאר אין טור באריכות ווי אזוי די אלע פיר זאכן (עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי) זיינען נוגע אין עבודת ה', וואס דאס זיינען דאך ענינים פון תוקף - היפך הביטול;

דאס איז אבער מיוסד אויף דעם ענין הביטול, און מצד דעם ענין הביטול גופא, מאנט זיך אז ס'דארף זיין אויך ענינים פון היפך הביטול כנ"ל.

און דאס איז אויך וואס מ'זעט ביי יעקב'ן, אז אויך נאך דערויף וואס ער האט געביטן די צאן אויף אנדערע זאכן, איז ניט דער פשט אז דעמולט האט ער שוין ניט געהאט קיין צאן - דעמולט האט ער אויך געהאט צאן, וואס די הוראה דערפון אין עבודת האדם איז, אז מזמן לזמן דארף ער זיך דערמאנען אויף דעם ענין הביטול, כדי ער זאל דאס ניט פארגעסן.

וואס דערפאר איז מען ניט יוצא י"ח מיט תפלת העמידה (שהו"ע הביטול) פעם אחת ביום, בתפלת שחרית, נאר מ'דארף דאס איבער חזר'ן דערנאך צו תפלת מנחה, און "האידנא קבעוה חובה" (טואו"ח סרל"ה) - אויך אין תפלת ערבית. וואס דאס איז בדוגמא ווי ס'איז געווען ביי יעקב, אז אויך נאך דערויף וואס ער האט געביטן די צאן אויף אנדערע זאכן, האט ער נאך געהאט אויך דעם ענין פון "צאן" - ווארום אויך דערנאך דארף בלייבן דער ענין הביטול.

יח. עפי"ז וועט מען פארשטיין פארוואס דער אלטער רבי הויבט אן זיין שו"ע (אין מהדורא תניינא) מיט "יהודה בן תימא אומר הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי" (אין מהדורא קמא, הויבט ער אן אזוי ווי דער ב"י הויבט אן זיין שו"ע: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו", אבער אין מהדורא בתרא, וואס דארטן ווערן ניתוסף כמה ביאורים וטעמים (אויך אין מהלך הנפש וכו'), הויבט ער אן אזוי ווי אין טור: "יהודה בן תימא אומר וכו'"):

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק וואס איז נוגע צו אנהויבן מיט "יהודה בן תימא אומר וכו'" - אין שו"ע איז דאך ניטא דער ענין וואס מ'דארף מקיים זיין דעם ענין פון "אומר דבר בשם אומרו", והראי' אז אין שו"ע ברענגען זיך אדאפ כו"כ ענינים ניט בשם אומרם (ס'איז דא די מ"מ וציונים וואס דארטן צייכנט מען צו וואו דאס שטייט אין משנה אדער אין גמרא, אדער אין פוסקים שלפניו, אבער ניט אין שו"ע אליין), איז פארוואס הויבט אן דער אלטער רבי זיין שו"ע מיט "יהודה בן תימא אומר וכו'"?

והביאור בזה: דער ענין פון "יהודה (בן תימא)", איז דער יסוד אויף אלע ענינים וואס שטייען דערנאך אין שו"ע, און דערפאר הויבט ער אן מיט "יהודה (בן תימא)". ווארום דער יסוד אויף אלע ענינים פון עבודת ה' איז דאך דער ענין הביטול (כנ"ל), און דער נאמען פון "יהודה" באווייזט אויף דעם ענין הביטול:

ס'שטייט דאך אין חומש (ויצא כט, לה) אז דער נאמען "יהודה" איז דערפאר וואס "הפעם אודה את ה'" - דער ענין הביטול והודאה.

און ווי דער אלטער רבי איז מבאר באריכות אין די דרושים פון פ' ויחי (תו"א מה, א ואילך) אז אין עבודת ה' איז דא כו"כ אופנים: ס'איז דא דער ענין פון עבודת ה' ווי ס'איז געווען ביי ראובן, וואס ענינו איז דער ענין פון ראי' - "טעמו וראו כי טוב ה'"; ס'איז דא דער אופן העבודה

- פון -

פון שמעון, וואס ענינו איז דער ענין פון שמיעה - "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"; ס'איז דא דער אופן העבודה פון לוי - "הפעם ילוה אישי אלי", אז ער שטייט בהיבור מיטן אויבערשטן, ווי ער טייטשט אפ אין מדרש (זח"ב יט, א), און רש"י ברענגט דאס אויך אראפ, אז דאס איז דער ענין פון שבט לוי, וואס ענינם איז געווען די עבודה אין ביהמ"ק, און "אין לו חלק ונחלה עמך" (ראה יד, כז), נאר "ה' הוא נחלתו" (שופטים יח, ב), וואס דאס איז דער ענין פון שבט לוי, אז זיי ווערן נתלוה און נתחבר מיטן אויבערשטן.

דאס איז נאך אבער ניט שלימות העבודה, ווארום ער איז א מציאות בפ"ע, און ער איז זיך מתחבר און מתלוה צום אויבערשטן -

ס'איז אבער דא א טיפערע דרגא אין עבודת ה', וואס דאס איז דער ענין פון "יהודה" - "הפעם אודה את ה'", אז ער שטייט אין אן אופן של ביטול והודאה צום אויבערשטן, און ער איז אויס מציאות, וואס דערפאר איז "ותעמוד מלדה" - ס'איז ניטא קיין הולדה, ווארום ער שטייט כעבדא קמי מרי'.

און וויבאלד אז דער ענין פון יהודה איז דער ענין הביטול - איז די התחלה פון שו"ע מיט "יהודה (בן תימא) אומר וכו'", ווארום דער ענין הביטול (יהודה) איז דער יסוד אויף אלע ענינים פון שו"ע

[אין שו"ע פון ב"י, וואס דארטן שרייבט ער בקיצור, ווי ער זאגט אין זיין הקדמה אז דאס איז א קיצור פון פירושו הארוך על הטור - הויבט ער אן מיט "יתגבר כארי וכו'", אבער אין טור, וואס דארטן איז ער מבאר כללות עבודת ה' - הויבט ער אן מיט "יהודה בן תימא אומר וכו'"]:

מ'דארף טאקע לערנען שו"ע מיט הבנה והשגה, ווארום דאס איז דאך ניט דער ענין פון תהלים, וואס אפי' ווען ער איז לא ידע מאי קאמר, טוט ער אויך אויף דאס וואס אמירת תהלים דארף אויפטאן - אויב ער ווייסט אויך פירוש המילות, איז מה טוב, אבער אפי' אויב ער ווייסט ניט דעם פי' המילות, האט ער אויך אויפגעטאן דאס וואס אמירת תהלים דארף אויפטאן -

אבער בשעת ער דארף לערנען שו"ע (און קודם לזה דעם טור) כדי ער זאל וויסן ווי צו פסק'נען א דין - מוז ער לערנען אין אן אופן של הבנה והשגה, ווארום אויב ניט, וועט ער ניט וויסן וואס דער שו"ע הייסט אים צו טאן. ס'דארף טאקע זיין דער ענין פון הבנה והשגה, דאס איז אבער מיוסד אויף דעם ענין פון "יהודה", אז ער גייט צו מיט דעם ענין פון הודאה וביטול לגמרי, און אויף דערויף איז מיוסד דער "עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי".

יט. אין עבודת יעקב בצאן לבן איז אויך געווען דער ענין פון "והחליף את משכורתי עשרת מונים" (ויצא לא, ז) - איז אויך אין דעם דא א הוראה אין עבודת האדם:

ס'איז מבואר אין חסידות (תו"ח ויצא לא, א) אז דער ענין פון "והחליף את משכורתי עשרת מונים" איז - אז דאס נעמט זיך פון אזא ארט וואס איז העכער פון תנאים און מדידות והגבלות, וואס דערפאר איז "והחליף את משכורתי עשרת מונים".

איז וויבאלד אז די נשמה קומט אראפ דא למטה פון אן ארט וואס איז העכער פון וועלט, און העכער פון מדידות והגבלות וכו', דערפאר איז כאטש אפי' לכהחלה האט מען איר געשיקט אין איין ארט אין וועלט, וואס דארטן איז עבודתו געווען מיט צאן נקוד, אעפ"כ, מצד דעם רצון שלמעלה, ווערט

- ער -

ער דערנאך פארוואגעלט אין אן אנדער ארט אין וועלט, וואס דארטן דארף ער זיך פארנעמען מיט צאן טלוא.

פריער הויבט ער אן עבודתו מיט "עקודים", און דערנאך שיקט מען אים אין "נקודים" - מאכט ער א געוואלד אז ער איז ניט איינגעוואוינט דערצו, און ביי אים דארף זיין דער ענין פון גולה למקומו, וואס ווי ער זאגט אין חינוך (מצוה תט) אז דאס וואס גלות מכפרת איז דאס דערפאר וואס דאס איז א שווערער עונש כמעט כצער מיתה ר"ל - און אעפ"כ זאגט מען אים פריער "עקודים", און דערנאך זאגט מען אים "נקודים", און דערנאך זאגט מען אים "ברודים" - אין אן אופן פון "החליף את משכורתי עשרה מונים".

און דאס איז די הוראה צו א אידן, אז בשעת מ'ארבעט מיט צאן לבן - עניני העולם, ביז דער ענין פון "זאתן צאני צאן מרעיתי אדם אתם" (יחזקאל לד, לא), וואס אתם קרויים אדם (יבמות סא, א), וואס דאס גייט דאך אויף דעם ענין פון "הוא לי לרועה ואני לו לצאן" -

איז אע"פ אז מלכתחלה איז זיין שליחות געווען אין א מקום וואס דארטן האט ער געהאט צו טאן מיט תלמידים פון איין סוג, און דערנאך מאיזה סיבה שתהי' האט מען אים פארוואגעלט אין אן אנדער ארט וואס דארטן דארף ער האבן צו טאן מיט תלמידים פון אן אנדער סוג, הויבט ער אן טענה'ן אז א שינוי וסת איז א חולי (כתובות קי, ב. רמב"ם הל' דעות פ"ד הכ"א) - ער איז ניט איינגעוואוינט צו אזוינע תלמידים -

אויף דערויף זאגט מען אים אז אזוי איז געווען ביי אין קורין אבות אלא לשלשה (ברכות טז, ב. וראה תו"א ר"פ וארא) - ביי דעם בחיר שבאבות (ב"ר פע"ו, א. וראה זח"א קיט, ב. קמז, ב. ועוד), אז ביי אים איז געווען אין אן אופן פון "החליף את משכורתי עשרת מונים" - ער האט אבער געהאט אין דערויף א הצלחה אז "אם כה יאמר נקודים יהיה שכרך" - דעמולט איז "וילדו כל הצאן נקודים"!

איז בשעת ער גייט מיט דער הנחה אז ער דארף אויספירן דעם אויבערשטנ'ס שליחות, וואס דערפאר איז אים קיין נפק"מ ניט וואוהין דער אויבערשטער שיקט אים, צי דאס איז עקודים, צי דאס איז נקודים, צי דאס איז ברודים - האט ער דעמולט די הצלחה אז "וילדו כל הצאן וגו'", און ווי געזעדט פריער (סי"ג) אז מטתו שלמה, ס'איז ניטא קיין דופי בתלמידיו,

און דעמולט גייט ער צוזאמען מיט די תלמידים - און ער זאגט ראו גידולים שגידלנו - לקבל פני משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *

כ. כרגיל וויל מען דאך אז יעדער ענין זאל אראפקומען אין א מעשה בפועל, וואס כדי אז ס'זאל אראפקומען אין א מעשה בפועל, איז דאך לייכטער בשעת מ'זאגט נקודות עכ"פ בנוגע צו מעשה בפועל.

און בשעת מ'נעמט אן די החלטה בזה ברוב עם, האט דאס דעמולט א שטארקערן תוקף און א שטארקערן כח, כמבואר אין ספרי מוסר אז כדי צו מאכן לייכטער צו מקיים זיין די החלטה טובה, דארף מען דערציילן דעם חבר (אדער כמה חברים) אז ער האט אנגענומען אויף זיך צו טאן בל"נ א פעולה טובה, און דורך דעם וועט אים זיין גרינגער צו מקיים זיין די החלטה.

וואס דאס איז נוסף אויף כללות הענין פון "איש את אחיו יעזורו" (ישעי' -



הנחת הת' בלתי מוגה

(ישעי׳ מא, ו), אז בשעת מ׳טראכט ווי אזוי צו פארשפרייטן אידישקייט, און מ׳טוט דאס אין אן אופן פון "ברוב יועץ" (משלי יא, ו) – איז מתלבנים הדברים, און ס׳איז לייכטער צוקומען צו א החלטה טובה בזה, און אז מ׳זאל טאן אין דערויף כדבעי למיעבד, ווי די גמרא זאגט אין כתובות (סז, א), ביז אין אן אופן פון תכלית השלימות צו וועלכע מ׳קען דערגרייכן.

וואס דערפאר איז מען זיך נוהג בכ"מ, אז בשעת מ׳דארף נעמען א החלטה טובה, טוט מען דאס מתוך אן אסיפה, אדער נאכמער: מתוך א התוועדות (ביי א פארברייינגען), וואס גדולה לגימה שמקרבת (סנהדרין קג, ב) – איז בשעת מ׳נעמט אן די החלטות טובות אין א התוועדות לשם שמים, ומתוך שמחה וטוב לבב, איז דעמולט לייכטער צוקומען צו החלטות טובות, און ס׳ווערט אויך לייכטער דער קיום פון די החלטות.

איז אזוי ווי דערמאנט פריער (ס"ב) אז מ׳שטייט בין גאולה לגאולה (צווישן די גאולה פון יו"ד כסלו מיט די גאולה פון י"ט כסלו), און דערנאך קומען דאך ימי חנוכה – איז דאס די ימי סגולה און דער עת רצון, אויף אויפטאן אין הפצת היהדות והתורה ומצוותיה, סיי בנוגע צו זיך אליין, סיי בנוגע צו א צווייטן אידן, סיי בנוגע צו נאך כו"כ אידן.

כא. כמדובר כמ"פ (בכהנ"ל ראה לקו"ש ח"י ע׳ 230) אז אין דערויף זיינען דא צוויי אופנים:

א) אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מלכו של עולם, און מיט מאן מלכי רבנן – ענינים פון תומ"צ, זאל מען זיי מאכן אין אן אופן פון "ברוב עם הדרת מלך" (משלי יד, כח), אז מ׳זאל דאס מאכן אין איין ארט, און דארטן זאלן זיך אלע צוזאמען קומען;

ב) ס׳איז אבער דא א מעלה בשעת מ׳מאכט דאס (ניט ברוב עם אין איין ארט, נאר) בכמה וכמה מקומות – ווארום בשעת מ׳מאכט דאס נאר במקום אחד, און מ׳איז מדרז אלעמען זיי זאלן קומען אין דעם מקום, איז בל ימלט אז ס׳וועט זיין אחד אדער שניים וואס מאיזה סיבה שתהי׳ וועלן זיי ניט קומען (צי מצד ריחוק המקום בגשמיות, אדער מצד דערויף אז ס׳איז דא (אדער אז אים ווייזט זיך אויס אז ס׳איז דא) עצים ואבנים וואס שטייען בדרכו וכו׳), וואס דערפאר איז דא א מעלה בשעת מ׳מאכט דאס בכו"כ מקומות, ווארום בשעת דאס איז אין זיין שכונה, און אין זיין ביהכ"נ, איז ער זיך אויך משהתף אין דערויף, און ער נעמט אויך אויף זיך די החלטות טובות.

איז אזוי ווי די קביעות פון הייינטיקן יאר איז אז י"ט כסלו פאלט אויס בשבת קודש, וואס שבת איז דאך כל מעשיו כפולים (ילקוט תהלים רמז תתמג), איז אויך דא א געלעגנהייט צו מאכן צוויי מאל א התוועדות – עאכו"כ לויט ווי מ׳איז זיך נוהג בכו"כ מקומות צו מאכן א התוועדות אויך אין דעם יום שלאח"ז (במוצש"ק, אדער במוצאי יום ראשון), איז דאך זיכער דא די מעגליכקייט אז מ׳זאל מאכן א התוועדות אויףביידע אופנים:

איין התוועדות זאל זיין במקום אחד, אין אן אופן פון "ברוב עם הדרת מלך"; און נאך א התוועדות אין אן אופן אז מ׳זאל זיך משתדל זיין אז דאס זאל זיין אין וואס מערער מקומות, כדי אז מ׳זאל קענען צוציען אויך די "נבושות", און די וואס עס ווייזט זיי אויס אז זיי זיינען זקנים וחלושים, און זיי קענען ניט גיין אין א ווייטן ארט.

עד"ז בנוגע צו ימי חנוכה, וויבאלד אז ס׳איז דאך דא שמונה ימים, איז דא די זמן צו מאכן אויף ביידע אופנים הנ"ל: איין מאל במקום אחד, ברוב עם הדרת מלך; און איין מאל בריבוי מקומות. ובימי חנוכה האט מען

- דאך -



הנחת הת׳ בלתי מוגה

דאך די געלעגנהייט צו מאכן כמה פעמים במקום אחד, און כמה פעמים בריבוי מקומות.

און מאן דאס בכל מקום ומקום לפי הענינים והתנאים שלו.

כב. בנוגע וואס צו רעדן און וואס צו מחליט זיין אין די התוועדויות - האט מען דאך גערעדט וועגן דערויף כמ"פ בארוכות גדולה. וואס בכללות איז דא בכל מקום ומקום ענינים המיוחדים וואס המקום גורם, ווי די גמ׳ (עירובין ו, א) דערציילט אז בקעה מצא וגדר בה גדר, און אין דערויף זיינען געווען חילוקים: אין איין ארט איז געווען א בקעה בנוגע צו עירובין (שם), און אין א צווייטן ארט איז געווען א בקעה בנוגע צו בשר בחלב (חולין קי, א) וכיו"ב;

דערנאך איז אבער דא די מצוות כלליות, וואס במיוחד איז זמננו אין עקבתא דמשיחא: אנהויבנדיק פון "אהבת ישראל", מיט אלע פעולות וואס זיינען דערמיט פארבונדן, וואס דאס האט דאך א שייכות מיוחדת צו עקבתא דמשיחא, ווארום די גמרא (יומא ט, ב) זאגט דאך אז לא נתגלה עוונם, נאר ס׳איז געווען דער ענין פון שנאת חנם, איז דערפאר דארף זיין עיקר העבודה אין אהבת ישראל.

און כדי מ׳זאל וויסן וואס צו טאן און ווי אזוי צו טאן - קומט דערנאך מבצע תורה, אז ס׳זאל זיין התמדה ושקידה אין לימוד התורה, און ווי גערעדט פריער אז ס׳איז א "מ"ע של תורה על כל חכם וחכם בישראל ללמד את כל התלמידים אע"פ שאינן יוצאי ירכו", איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אויב ער איז נאר א חכם בערך צו א צווייטן אידן, האט ער שוין א חיוב צו לערנען תורה מיטן צווייטן אידן, לערנען מיט אים אן ענין וואס דערווייילע ווייסט ער נאך ניט, און אפי׳ אז דאס איז מערניט ווי דער ענין פון "זוהמא ליסטרון", זאגט דאך אבער די גמ׳ (ב"מ לג, א) אז בשעת ער האט אים געזאגט וואס איז דער פי׳ פון די ווערטער, איז וויבאלד אז דאס איז נוגע צו אן ענין של תורה, ווערט ער שוין אנגערופן רבו.

וואס די צוויי זאכן, סיי דער ענין פון אהבת ישראל, סיי דער ענין פון "ושננתם לבניך" - זיינען פארבונדן מיט דעם ענין פון חינוך, ועד"ז שאר כל המבצעים זיינען אויך פארבונדן מיט דעם ענין פון חינוך:

אנהויבנדיק פון מבצע תפילין, וואס הוקשה כל התורה כולה לתפילין (קידושין לה, א), עד"ז אויך מבצע מזוזה, וואס די פועל׳ט דאך אז ס׳זאל זיין "ה׳ ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם" (תהלים קכא, ח. זח"ג רסג, ב), אז דער אויבערשטער היט אים סיי ווען ער איז אין דער היים, סיי ווען ער גייט ארויס פון די הויז, ווי ס׳שטייט אין שו"ע (יו"ד סרפ"ה ס"ב) "כשאדם יוצא מן הבית יניח ידו על המזוזה ויאמר ה׳ ישמר צאתי וגו׳".

דערנאך קומט דאס אראפ אין מבצע צדקה, ווי גערעדט פריער אז ס׳שטייט אין ספרים און דער אלטער רבי איז מאריך אין דערויף אין אגה"ק (ס"ט), אז איצטער איז עיקר העבודה - די עבודה פון צדקה און גמ"ח. און דערנאך קומט דאס אראפ אויך אין מבצע בית מלא ספרים - יבנה וחכמי׳.

עד"ז אויך די דריי ענינים וואס זיינען געגעבן און פארטרויט געווארן צו נשי ובנות ישראל, וואס דאס זיינען די ג׳ עמודים שעליהם כל בית ישראל עומד:

דער ענין פון נרות ש"ק, ווי ס׳שטייט אין מדרש (ראה ירושלמי שבת פ"ב ה"ו) אז דורך דעם איז די מדליק נרו של עולם (וואס דערפאר האט מען איר געגעבן דעם ענין פון הדלקת הנר), ביז ווי דאס איז כפשוטו, אז די מאכט ליכטיק א אידישע הויז, און דאס ווערט געטאן ברוגמא ווי ס׳איז

- געווען -

געוועך ביי אין קורין אמהות אלא לארבעה (ברכות טז, ב), ביז צו די ראשונה שבהם - שרה, וואס ביי איר איז געוועך נר דלוק מערב שבת לערב שבת, און ברוחניות ווערט דאס נמשך אין דעם ענין פון הדלקת הנר של כל אשה ובת בישראל.

וכמדובר כמ"פ אז ס'איז ניט דער פשט אז אין דעם צווייטן ע"ש איז ניטא ח"ו דער ענין פון "נר מצוה ותורה אור", נאר אדרבה, דאס ווערט אין אן אופן פון "מעלין בקודש", אז ער צינדט אן א נייעם נר און א נייע ליכטיקייט, און עס ווערט "מעלין בקודש" אין "נר מצוה ותורה אור".

עד"ז דער ענין פון כשרות האכו"ש, וואס דאס ווערט דאך דם ובשר כבשרו, און ווי ס'שטייט אין רמב"ן (עה"ת ויקרא יא, יא) ובכ"מ, בנוגע צו דעם איסור פון בע"ח הדורסים וטורפים, אז דאס איז מוליד א טבע פון א חיה דורסת וטורפת, ווי ס'ברענגט זיך אויך אראפ אין שו"ע (ש"ך וט"ז יו"ד ספפ"א) בנוגע צו חלב שאינו טהור (וראה תשובות וביאורים ע' 15)..

עאכו"כ דער ענין פון טהרת המשפחה, וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט ביאת משיח צדקנו, ווארום אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שבגוף (יבמות סב, א), וואס דערפאר דארף יעדערער טאן כל התלוי בו אז ס'זאלן זיין נשמות ראויות ומתאימות צו מקבל זיין פני משיח צדקנו.

און טאן אין דעם אלעם אין אן אופן של חינוך, וואס חינוך איז דאך ווי דער רמב"ם זאגט בהקדמתו לפיהמ"ש, אז בשעת מ'איז מחנך א קינד, הויבט מען אן אין אן אופן פון "עפ"י דרכו", אז מ'גיט אים ענינים וואס ער האט אין זיי א געשמאק לפי הבנתו והשגהו, כדי צו ארייגציען אים צו דעם ענין וואס איז טוב מצ"ע.

און טאן אין דערויף מהוך אהבת ישראל, אין אן אופן פון "ואהבת לרעך כמוך", און ווי ס'שטייט אין ספרים (ראה קונטרס אהבת ישראל בארוכה) אז אהבת ישראל דארף זיין בדוגמא צו "ואהבת את ה' אלקיך" - וואס אויף דערויף שטייט דאך אז ס'דארף זיין "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך". און ווי דער צ"צ זאגט אין מצות אהבת ישראל, אז דער צווייטער איד איז "עצמו ובשרו הוא", און מ'ברענגט אויף דערויף (קונטרס אהבת ישראל ע' 27) דעם משל וואס ס'שטייט אין ירושלמי (נדרים פ"ט ה"ד) אז דאס איז בדוגמא פון צוויי הענט אין איין גוף.

און טאן די אלע ענינים אין אן אופן של גאולה פון דעם "אל זר אשר בקרבך", און אין אן אופן פון אל יבוש מפני המלעיגים, ובמילא וועט דאס זיין אין אן אופן פון פורץ גדר - גדרו של עולם, אז מ'איז פורץ אלע מדידות והגבלות פון העלם והסתר העולם.

וואס דאס וועט מקרב זיין דעם יעוד פון "יעלה הפורץ לפניהם" - וואס דאס זאגט מען דאך אויף מלכא משיחא, יבא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, ובעגלא דידן.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן מסתמא מאכן א ברכה אחרונה.

איצטער וועט מען מאכן א הפסק ביז דעם צווייטן פארברייגגען, און דערווייל זאל זיין "כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון".

טרם צאתו ההחיל לנגן כי בשמחה תצאו.

* * *

תיקון טעות לשיחת ש"פ חיי שרה:
בע' ו' שו"ה בכ"ז - נדפס: תשרי, וצ"ל: חשון.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>